הבינוני
"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א
באידיש
פרשת בהעלותך ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון קז
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

בר אבטח — א
המקבל עליו עול תורה — ד
עבודה במחשבה — ח

# בר אבטח

## עם מדושני עונג;
די זיסע תענוג פון בטחון

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור נ, יום ראשון פרשת אמור, ט' אייר תש"פ

חלק ג

א

## כי השביע נפש; די ריכטיגע לעזונג בעת צרה איז צו טוישן 'זיך אַליין'

**אותיות מחכימות** — חובות הלבבות

וּמֵהֶם, שִׂמְחָתוֹ בְּכָל עִנְיָן שֶׁיַּעְתִּיק אֵלָיו, וְאִם יִהְיֶה כְּנֶגֶד טִבְעוֹ, מִפְּנֵי בִּטְחוֹנוֹ בֶּאֱלֹקִים שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה לוֹ אֶלָּא הַטּוֹב לוֹ בְּכָל עִנְיָן, כַּאֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה הָאֵם הַחוֹמֶלֶת לִבְנָהּ בִּרְחִיצָתוֹ וְחִתּוּלוֹ וּקְשִׁירָתוֹ וְהַתָּרָתוֹ עַל כָּרְחוֹ. כְּמוֹ שֶׁאָמַר דָּוִד עָלָיו הַשָּׁלוֹם (תהלים קלא, ב) **אִם לֹא שִׁוִּיתִי וְדוֹמַמְתִּי נַפְשִׁי, כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמוּל עָלַי נַפְשִׁי.**

### די ווייטאָג קומט פון דעם מענטש אַליין

אין אָנהויב פון דעם שיעור האָט מען אויסגעשמועסט דאָס מציאות וואָס דער 'הכשרת האברכים' שטעלט אַראָפּ, אַז אַלע געפילן פון שמחה אָדער פון ווייטאָג, קומען בעצם נישט פון דרויסנדיגע מצבים, נאר **מען שפּירט בלויז** די **אייגענע אינערליכע נפש.** ווען די נפש באַגעגנט זיך מיט אַ דרויסנדיגע זאַך, איז דאָס גורם אַז ס'זאָל אויפגעוועקט ווערן די פּנימיות'דיגע התפּעלות 'אין' דעם נפש, און דאָס איז וואָס מיר שפּירן.

ווילאַנג אַ מענטש האַלט נאָך אינמיטן אַרבעטן אויף זיין מדת הבטחון, קען ער אַסאַך מאָל שפּירן אַ ווייטאָג פון עפּעס וואָס קוועטשט אים. צום ביישפּיל: ער וואַרט שוין אַזוי לאַנג אויף אַ ישועה און ס'טוט אים וויי. **ער שפּירט אַ צער, נישט בלויז צוליב וואָס די ישועה איז נאָכנישט געקומען, נאָר ער איז אויך אַביסל פאַרביטערט:** "יענער האָט יאָ, און איך נישט... אַלעמאָל דאַרף איך זיין דער שלימזל..." ס'ליגט דאָ אַסאַך ווייטאָג און בלבול הדעת.

לאָמיר אַריינטראַכטן: וואו איז די שורש פון דעם ווייטאָג? קען מען דען זאָגן אַז די שורש פון דעם פּראָבלעם איז די אַרומיגע און דרויסנדיגע מצב?

**אודאי נישט!** קיין שום זאַך אויף דער וועלט האָט נישט די מעגליכקייט צו ברענגען פאַר'ן מענטש אַזאַ סאָרט הרגשה פון פאַרביטערטקייט. **די אַרומיגע מציאות קען בסך הכל מעורר זיין אַ סיבה אַז דיין נפש זאל נתפּעל ווערן** אויף אַ געוויסן אופן, און ווען די נפש ווערט אַזוי נתפּעל ברענגט דאָס אַ געפיל פון ווייטאָג. **די צער קומט אַלזאָ פון 'דיין אינערליכע נפש',** נישט פון די טעכנישע מציאות.

### מ'קען נישט געהאָלפן ווערן מיט דרויסנדיגע קאָמפּלימענטן

אַ גוטע דוגמא דערצו: צומאָל באַגעגנט מען זיך מיט אַ מענטש וואָס איז גאָר שטאַרק סענסעטיוו און ווערט זייער געטשעפּעט פון יעדע קלייניגקייט. עס דוכט זיך אים אַלעמאָל אַז מ'רעדט וועגן אים; **יעדעס מאָל מ'זאָגט אים אַ וואָרט ווערט ער ברוגז און מ'דאַרף אים איבערבעטן.** יעדע נאַרישקייט מאַכט אים אינגאַנצן אָנגעבלאָזן און ס'איז אַ גאַנצע פּרשה...

**וויאַזוי קען מען באמת העלפן אַזאַ מענטש?** קען מען אים העלפן דורכדעם וואָס מ'גייט זיכער מאַכן אַז קיינער גייט אים מער קיינמאָל נישט זאָגן קיין קרום וואָרט? קען מען אים העלפן אויב יעדער גייט אים אַלעמאָל זאָגן "דו ביסט מורא'דיג, דו ביסט געוואַלדיג, ס'איז קיינמאָל נאָכנישט געווען אַזאַ באַ'טעמ'טער קלוגער מענטש אויף דער וועלט ווי דיר..."

אַזוי העלפט מען אים?! **אודאי נישט.** ערשטנס, ווייל אויב מ'וועט אים אַזוי באַהאַנדלען, **וועט ער אַלעמאָל בלייבן קראַנק.** ס'גייט נישט ווערן אויסגעהיילט די שורש פון דעם פּראָבלעם. צווייטנס, ווייל ס'איז פּשוט נישט מעגליך במציאות צו אַכטונג געבן אַז קיינער זאָל אים מער קיינמאָל נישט טשעפּן. **ער גייט נאָך זיכער אַמאָל הערן אן אומאַנגענעמע ווארט וואָס גייט אים נישט שמעקן.** דריטנס, ווייל אויב מ'גייט אים נאר באַגיסן מיט גוטע ווערטער, **גייט ער ווערן נאָכמער קראַנק בנפש,** יעצט וועט ער אָנהויבן טראַכטן אַז אפילו ווען מ'זאָגט אים קאָמפּלימענטן מיינט מען דאָס נישט אמת'דיג: "עכט לאַכט מען פון מיר, מ'זאָגט עס נאר ווייל מ'וויל מיר מחזק זיין"...

### די ריכטיגע עצה: זיך דערגרינטעווען אין נפש

וויאַזוי קען מען אים יאָ העלפן? פאַרשטייט יעדער בר דעת, אַז ס'איז נישטאָ קיין אנדערע ברירה, נאר מ'דאַרף עס געהעריג מסדר זיין. **מ'דאַרף דאָ אַריינקריכן אין זיין נפש** און דערגיין, פאַרוואָס ווערט ער אַזוי איבערגענומען פון יעדעס וואָרט מיט אַזאַ נעגאַטיווע התפּעלות?! **פאַרוואָס ליגט ער אַגאַנצן טאָג אין בעט אויב ער האָט געמיינט אַז איינער קוקט אויף אים?!** אפשר קומט דאָס פון אַן ערפאַרונג וואָס ער איז דורכגעגאַנגען יונגערהייט; אפשר איז ער צעבראָכן צוליב אַן אַנדערע סיבה און דעריבער איז ער אַזוי סענסעטיוו.

מ'קען אים העלפן דורך גיין צו אַ מומחה, אָדער אַ קלוגער איד, אינאיינעם מיט אַ תהלים'ל. אָבער דאָס

פטרון סדר במדבר
נתנדב ע"י הרוצה בעילום שם
לעילוי נשמת הרה"ק ר' **ישעי'** בן הרה"ק ר' **משה** זי"ע

איז זיכער אַז **מ'דאַרף דאָ מסדר זיין דעם פּראָבלעם משורשו.** אַז מ'וועט נישט פאַררעכטן דעם שורש, וועט מען זיך קיינמאָל נישט אַרויסדרייען פון דעם פּראָבלעם, ס'וועט זיין ווי דער גרויסער צפרדע וואָס וויפיל מ'האַקט דערויף קומט אַרויס נאָך צפרדעים... ס'איז פשוט דאָ בלויז איין עצה: צו **מסדר זיין דעם פּראָבלעם פון אינעווייניג.**

### בעיקר דאַרפן מיר טוישן די אינערליכע גלות

דאָס לערנט אונז אַ שטאַרקע דערהער, אַז **שטענדיג ווען אַ מענטש שפּירט צער און ווייטאָג, ליגט די אמת'ע פּראָבלעם ביי אים אין האַרץ, אַלעמאָל!** ס'איז נישט קיין חילוק וואָס פאַראַ סאָרט צרה אָדער אומשטענדן ער גייט אַריבער, איז שטענדיג די פּראָבלעם ביי אים אין האַרץ. **דאָרט געפינט זיך זיין פּריוואַטע גלות.** די אַלע אַרומיגע מצבים איז בלויז אַ גורם צו אויפוועקן זיין אינערליכע ווייטאָג.

אויב אַזוי, וויאַזוי גיט מען זיך אַן עצה דערמיט: איז נאָר דאָ איין לעזונג. צו רעדן און מתפלל זיין צום רבוש"ע **אַז די אייגענע אינערליכע בליק און געפיל זאָל זיך טוישן צום גוטן!** די עיקר תפלה זאָל נישט זיין אַז השי"ת זאל אַוועקנעמען יענע דרויסנדיגע מצב, אָדער אַז די חיצוניות'דיגע מציאות זאָל זיך טוישן. אַסאַך מאָל וועט דער רבוש"ע העלפן אַז אויך די אַרומיגע מציאות וועט בעסער ווערן, אָבער די עיקר תפלה און די עיקר ישועה וואָס אַ איד דארף דאַווענען דערויף איז: **"רבוש"ע העלף מיר אַז איך זאָל עס אָננעמען גרינגער, איך זאָל זען דעם מצב מיט אַ קלאָרע אמונה"...**

ב

# עזרינו להיות עיני פתוחות; דאַווענען אויף אַ קלאָרע אמונה

### אַ תפלה אַז דאָס האַרץ זאָל זיך טוישן

ס'איז באַקאַנט די הייליגע תפלה 'רבון העולמים' פון הרה"ק רבי **מאיר'ל אפּטער** זי"ע, וואָס אַסאַך קענען נאר די אָנהויב דערפון, אָבער **די תפלה האָט אויך אַ מורא'דיגע המשך.** מען הייבט אָן מיט אַן הקדמה: 'רבון העולמים איך ווייס אַז כ'בין אין דיינע הענט 'כחומר ביד היוצר', אפילו אויב כ'וועל זיך אָנשטרענגען מיט אַלע 'עצות ותחבולות', און אפילו אויב אַלע יושבי תבל וועלן שטיין צו מיין רעכטע זייט, קען מיך קיינער נישט העלפן. מבלעדי עוזך ועזרתך אין עזרה וישועה.

אָט די ערשטע חלק איז ווי אַ 'מסירת מודעה', מען חזר'ט איבער די יסודות האמונה וואָס שטייט אין דער תורה. נאָכדעם הייבט זיך אן די תפלה: **לָכֵן עָזְרֵנוּ רִבּוֹן הָעוֹלָמִים** - העלף מיר רבוש"ע. **לִהְיוֹת עֵינַי פְּתוּחוֹת לִרְאוֹת תָּמִיד אֲמִתּוּת הַדָּבָר הַזֶּה** - אַז איך זאָל דאָס אַלעמאָל ריכטיג קענען זען און מכיר זיין. **וְיִהְיֶה תָּקוּעַ וְקָבוּעַ אֱמוּנָתְךָ בְּלִבִּי בְּכָל עֵת** - העלף מיר אַז דער אמת זאָל ווערן איינגעקריצט טיף ביי מיר אין האַרץ, און ווען דער אור וועט אַלעמאָל זיין אין מיין האַרץ, וועל איך מער נישט האָבן קיין ווייטאָג און קיין שום צער. נישט בלויז וועל איך נישט האָבן קיין פּראָבלעמען, נאר כ'וועל גאָר האָבן תענוג. כ'וועל האָבן אַלעס וואָס איך דאַרף!

### די צרה קומט אַלס רעזולטאַט פון דער חסרון באמונה

דאָ ליגט אַ מורא'דיגער יסוד: ווען אַ מענטש גייט אַריבער אַ געשעעניש וואָס מאַכט אים צער, איז נישט פּשט אַז 'ווייל' די אַרומיגע זאַכן האָבן פּאַסירט, 'צוליב דעם' טוט עס מיר ווי אינעווייניג. דער אמת איז פונקט פאַרקערט. די דרויסנדיגע פּראָבלעם באַקומט חיות פון די צער וואָס דו שפּירסט אינעווייניג! **די ריכטיגע פּלאַץ פון וואו די צרה קומט, איז פון אונזער נפש!**

דאָס אַרבעט געקניפּט און געבינדן: ס'איז דאָ אַ פּראָבלעמאַטישע מצב פון אינדרויסן, און היות איך האָב נאָכנישט אויסגעאַרבעט מיין בטחון, **וועקט דאָס אויף מיין אינערליכע נפש און איך שפּיר אַ געוואַלדיגע ווייטאָג.** אָבער אַצינד, וויבאַלד איך שפּיר די געפיל פון ווייטאָג, **שעפּט די דרויסנדיגע צרה נאָך פרישע חיות דערפון**, און ס'קען נישט אַוועקגיין.

דאָס הייסט אַז אונזערע טרויעריגע געפילן אין האַרץ, גיט למעשה אַריין אַ לעבהאַפט אין די צרות. אונזערע נעגאַטיווע הרגשים זענען די מקור פון אַלע פּראָבלעמען.

### די עיקר תפלה: דאַווענען אויף אמונה

דעריבער דארף אַ איד בעיקר דאַווענען **אַז ער זאָל האָבן די ריכטיגע אמונה אין האַרץ**, דעמאָלט וועט ער שוין ממילא האָבן אַ ישועה, ווייל **דאָס איז די שורש וואָס ברענגט די גאַנצע צרה.** אַז דו וועסט האָבן אמונה וועט די ווייטאָג אין דיין האַרץ אַוועקגיין, און **אויטאָמאַטיש וועט דערנאָך אויך נעלם ווערן די דרויסנדיגע פּראָבלעמען**, ווייל זיי וועלן נישט האָבן קיין מקור פון וואו צו שעפּן חיות. זיי נישט אַזוי פאַרנומען צו מתפלל זיין וועגן דעם מצב אַרום און אַרום, דאָס איז נישט די נושא בכלל!

אַמאָל דאַוונט דער מענטש אויף אמונה און ער נוצט דאָס ווי אַ סגולה. ער וויל באַקומען געלט גרינגערהייט, דעריבער איז ער מתפלל אויף אמונה... ער ליגט אָבער ווייטער אין אַ חיצוניות'דיגע וועלט. דער חובת הלבבות זאָגט אונז דעם אמת: ערשט לאָמיר וויסן דעם אמת, נאָכדעם ווען מען אַרבעטן דערויף. די אמת איז אַז אויב דו וועסט דאַווענען אויף אמונה, וועסטו אָפּ'הרגנ'ען די שורש פון דעם פּראָבלעם. **די עיקר צרה איז דיין ווייטאָג אין האַרץ, לייג אַריין דאָרט ליכטיגקייט פון אמונה!** זיי מתפלל: "רבוש"ע העלף מיר אַז כ'זאָל האָבן אמונה און בטחון, כ'זאָל זען זאַכן ריכטיג, און כ'זאָל ווערן נאָענט צו דיר - **העלף מיר אַז כ'זאָל נישט אַזויפיל טראַכטן וועגן דעם דרויסנדיגן פּראָבלעם, נאר בעיקר זאָל איך זיין פאָקוסירט אויף מיין האַרץ**, אַז מיין האַרץ זאָל לעבן מיט אַ ריכטיגע אמונה אין דיר."

### די אייגענע 'ולמלשינים' אין האַרץ...

צדיקים האָבן געזאָגט אַז בשעת די ברכה פון 'ולמלשינים אל תהי תקוה וכל המינים כרגע יאבדו', **זאָל מען אינזין האָבן דאָס אייגענע הארץ:** רבוש"ע זיי מכרית אַלע קליפות אַרום מיין האַרץ וואָס לאָזן מיר נישט זען זאַכן ריכטיג און זיי מאַכן מיר שפּירן ווייטאָג.

די חסרון האמונה מאַכט אונז צער אינעווייניג, וואָס דאָס איז מעורר אויך צרות פון אינדרויסן, וואָס דאָס מאַכט ווייטער צער אינעווייניג, וחוזר חלילה. לאָמיר אַלזאָ נישט זיין אַזוי פאַרנומען וועגן דעם פּראָבלעם פון אינדרויסן, ווייל **דאָס איז בלויז אַ פועל יוצא.** נישט דאָס איז די אמת'ע פּראָבלעם בכלל.

### צער השכינה שפּילט זיך אָפּ ביי דיר אין נפש

דאָס איז אויך דער עומק הענין וואָס שטייט אין ספרים הק' אַז ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַ צרה, זאָל ער נישט דאַווענען אויף זיין אייגענע צער, נאָר **ער זאָל מתפלל זיין פאר דעם צער וואָס די שכינה הק' האָט פון דעם מצב**, ווי דער פּסוק זאָגט: 'בכל צרתם לו צר'. די שכינה הק' האָט כביכול צער ווען אַ איד מוטשעט זיך, זיי דעריבער מתפלל אַז די צער השכינה זאָל זיך אויפהערן.

מענטשן פרעגן צומאָל: **איך בין דאָך נישט אין דער מדריגה צו דאַווענען פאר צער השכינה.** ווען איך האָב אַ פּראָבלעם, דאַוון איך פאר מיינע צרות. די אַלע תורות וועגן מתפלל זיין פאַר צער השכינה איז אַקטועל פאר צדיקים, ווי איז דאָס נוגע פאר מיר?!

דער תירוץ איז אָבער זייער פּשוט: צי ווייסטו אפשר וואו איז די שכינה?! **די שכינה הק' רועט אין דער נשמה פון יעדן איד!** אונזער נשמה איז אַ חלק אלקי ממעל. קומט אויס, אַז ווען דו שפּירסט אַ צער, **שפּירסטו יעצט די צער פון דער שכינה!** די אַלע געפילן פון כעס און אַנטוישונג איז בלויז לבושים צו די אמת'ע טיפע צער פון דער שכינה. אויב אַזוי, **דאַוון פאר דעם צער השכינה וואָס ליגט אינעווייניג ביי דיר!** זיי מתפלל אַז דו זאָלסט זיך קענען שטאַרקן מיט אמונה און מיט תפלה, אַזוי וועט די פּראָבלעם אויטאָמאַטיש אַוועקגיין מיט אַ גאַנצע ישועה.

### אַז דער שורש ווערט פאַרראָכטן, איז אַלעס גוט

דער הייליגער רבי ר' **זושא** זי"ע, האָט טאַקע געזאָגט, אַז ער דאַוונט קיינמאָל נישט אַז די צרה זאל אַוועקגיין, ער איז בלויז מתפלל צו האָבן בטחון, און **ווען אַ איד איז זוכה צו בטחון, גייט ממילא אַוועק אַלע צער און ווייטאָג.** די אַרומיגע פּראָבלעמען איז נישט די נושא דאָ, מ'דאַרף מסדר זיין דעם שורש פון דער פּראָבלעם. אונזער אייגענע הארץ. דעמאָלט וועט אַלעס גוט זיין.

צומאָל מאַכט זיך אַ מוסד, וואו דער אַדמיניסטראַטאָר איז דער נישט ריכטיגער מענטש אין דער נישט ריכטיגער פּלאַץ... **דער מוסד האָט יעצט אַ גרינטליכער פּראָבלעם** אַז ס'איז נישטאָ קיין

געהעריגער מענטש וואָס זאָל באַגלייטן דעם מקום. דאָס גייט אויטאָמאַטיש גורם זיין אַז מ'וועט אַלעמאָל זיך אָנשטויסן אין פרישע פּראָבלעמען.

ביים ערשטן פּאַנטשער, וועט מען פּרובירן ברענגען אַ לאַטע און צודעקן דעם פּראָבלעם. אָבער דאַן וועט אַרויסשפּראָצן די פּראָבלעם פון אַן אַנדערע זייט, און ווען מ'גייט דאָרט ברענגען נאָך אַ לאַטע, וועט עס אַרויסקומען פון אַ דריטע פּלאַץ...

אַזוי איז מען פאַרנומען אַגאַנצן צייט צו פאַרריכטן פּראָבלעמען, ביז מען דערזעט זיך אַז **דאָ איז פאַרהאַן אַ טיפערע שורש**, און מ'דאַרף מסדר זיין די זאַך אַליין, נישט אַרום און אַרום, ווייל מ'גייט קיינמאָל נישט פאַרטיג ווערן.

דאָס זעלבע דאַרף אַ מענטש דערהערן אַז **די שורש פון די פּראָבלעמען איז ביי אים אין האַרץ**, דעריבער איז די איינציגע לעזונג, אַז **מ'זאָל מסדר זיין די זאַך דורך זיך מחזק זיין און דאַוועגען אויף אמונה ובטחון**, ווייל די עיקר צער און ווייטאָג קומט פון אינעווייניג. אפילו ווען איינער רודפ'ט און טשעפּעט דיך, **געדענק אַז די עיקר שווערקייט ליגט ביי דיר אינעווייניג.** זיי מתפלל: **רבוש"ע העלף אַז כ'זאָל נישט האָבן די ווייטאָג אין האַרץ, העלף מיר אַז כ'זאָל נישט זיין פאַר'דאגה'ט פון דרויסנדיגע מצבים.**

ג

# עם מדושני עונג; אַנטוויקלען דאָס זיסע געפיל פון קרבת אלקים דוקא בשעת אַן ענגשאַפט

## פאַרוואָס יציאת מצרים איז נאָכנישט געווען גענוג

אין ספה"ק **שפת אמת** איז דאָ אַ געוואַלדיגע הוספה צו דער נקודה:

דער שפת אמת שמועסט אויס אַז ווען דער רבוש"ע האָט אַרויסגענומען אידישע קינדער פון מצרים, האָט צוערשט אויסגעקוקט ווי ס'האָט זיך געענדיגט די צרה, אָבער **אַ וואָך שפּעטער האָט מען זיך נאָכאַמאָל געטראָפן מיט'ן זעלבן פּראָבלעם.** די מצריים לויפן נאָך ביים ים. הערשט נאָכדעם וואָס דער ים האָט זיך געשפּאָלטן זענען זיי פּטור געוואָרן פון דער צרה אויף אייביג.

פאַרוואָס טאַקע האָט עס געדאַרפט זיין אויף אַזאַ אופן? איז דער שפת אמת מסביר, אַז דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז אידן זאלן ווערן אויסגעלייזט **דוקא דורכדעם וואָס זיי זאָלן אַרבעטן אויף זייער אמונה.** זיי זאָלן אָנקומען צו אַ דרגא וואו ס'זאָל זיי נישט שטערן קיין שום אַרומיגע צרות, נאר זיי זאָלן באמת אַנערקענען אַז השי"ת פירט די וועלט ברחמים און ער טוט אַלעס פאר זייער טובה.

השי"ת האָט געוואָלט אַז אידישע קינדער זאלן שפּירן אַזוי שטאַרק אַז דער רבוש"ע גיט זיך אָפּ מיט זיי, און דורכדעם זאָלן זיי אויסגעלייזט ווערן. **אָבער ביי יציאת מצרים זענען זיי נאָכנישט אָנגעקומען צו דער מדריגה ביז'ן סוף.** דעריבער האָט מען געדאַרפט נאָכאַמאָל ברענגען די מצריים צום ים. הערשט דעמאָלט זענען אידן אָנגעקומען צו די אמת'ע בטחון, זיי האָבן אויסגעאַרבעט זייער פּנימיות'דיגע אמונה מיט אַ שלימות און דאַן האָבן זיי טאַקע זוכה געווען צו קריעת ים סוף, וואָס איז געווען אַ שלימות'דיגע ישועה. מער האָבן זיי נישט געליטן פון די מצריים.

## אָן קיין אמונה, וועלן די פּראָבלעמען חלילה צוריקקומען

דאָס איז דער כלל אַלעמאָל: ווילאַנג אַ מענטש האָט נאָכנישט גענצליך אויסגעאַרבעט זיין אמונה, וועלן די אַרומיגע פּראָבלעמען אפשר אַוועקגיין, **אָבער ס'וועט שפּעטער צוריקקומען אין אַן אַנדערע צורה.** ווילאַנג אינערליך ביסטו נאָכנישט מסודר מיט דיין בטחון, וועלן די אומאַנגענעמע מצבים צוריקקומען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

דאָס לשון פון דעם שפת אמת איז: **וְזֶה הַהֶפְרֵשׁ שֶׁבֵּין יְצִיאַת מִצְרַיִם לִקְרִיעַת יַם סוּף, כִּי יְצִיאַת מִצְרַיִם רַק שֶׁיּוֹצְאִין מֵהַמֵּצַר אֲבָל נִשְׁאָר הַמֵּצַר, וּקְרִיעַת יַם סוּף הוּא שֶׁנִּדְחֶה כָּל הַמֵּצַר מִפְּנֵיהֶם.** ביי יציאת מצרים איז מען אַרויסגעגאַנגען, אָבער די ענגשאַפט איז געבליבן, אָבער ביי קריעת ים סוף איז די גאַנצע ענגשאַפט אָפּגעשטופּט געוואָרן. וואָס איז די חילוק? **וְהוּא מִטַּעַם שֶׁיְּצִיאַת מִצְרַיִם הָיְתָה רַק בְּחֶסֶד השי"ת, וְלֹא יוּכַל לִהְיוֹת נִדְחֶה הַמֵּצַר רַק עַל יְדֵי עֲבוֹדַת הָאָדָם שֶׁזָּכוּ בִּקְרִיעַת יַם סוּף לְנֵס מִצִּדָּם, וּמִמֵּילָא נַעֲשָׂה הַנֵּס תּוֹךְ גּוּף הַמֵּצַר.** וויבאַלד יציאת מצרים איז געווען נאר בחסד ה', האָט די ענגשאַפט נישט געקענט אינגאַנצן בטל ווערן, ווייל דאָס קען נאר פּאַסירן דורך די עבודה פון אַ איד! ביי קריעת ים סוף האָבן אידישע קינדער טאַקע זוכה געווען צו אַ נס דורך זייער עבודה פון אמונה, דער נס איז געשען אינעווייניג ביי זיי אין האַרץ, און דורכדעם איז אינגאַנצן אַוועקגעפאַלן אַלע פּראָבלעמען.

## אַרבעטן אויפ'ן האַרץ וועט אַוועקנעמען די צרה

אָט דער יסוד פון דעם שפת אמת איז אַ מציאות וואָס יעדער מענטש קען מעיד זיין דערויף. אַזויפיל מאָל גייט מען ענדליך אַרויס פון איין סאָרט אָנגעשטרענגטער מצב, און נישט צופיל שפּעטער טרעפט מען זיך ווידעראַמאָל אין אַן אַנדערע פּראָבלעם...

די סיבה דערצו איז ווייל אודאי קען דער רבוש"ע דיך אַרויסנעמען פון דיין ענגשאַפט אינגאַנצן, אָבער דער רצון ה' איז דאך אַז דו זאָלסט ווערן אַזאַ סאָרט מענטש וואָס שפּירט דעם **שִׂמְחָתוֹ בְּכָל עִנְיָן שֶׁיַּעְתִּיקֵהוּ אֵלָיו.** דער רבוש"ע וויל אַז דו זאָלסט שפּירן אַז דו ביסט אין די הענט פון אַן **אֵם הַחוֹמֶלֶת לִבְנָהּ.** (ווי ס'איז דאָס לשון פון דעם חובת הלבבות).

דערפאַר וועט די פּראָבלעם צוריקקומען פון פאַרשידענע ריכטונגען, ביז דער מענטש וועט אויסאַרבעטן זיין אינערליכע אמונה. ווייל ווילאַנג דו האסט נישט געאַרבעט אויף דיין בטחון, **דעמאָלט איז די פּראָבלעם געבליבן ביי דיר אין האַרץ.** אפילו אויב יעצט אויף דער מינוט איז ב"ה נישטאָ קיין זאַך וואָס ערוועקט דיין ווייטאָג, קיינער טשעפּעט דיך נישט, אָבער ווען ס'גייט אונטערקומען נאָכאַמאָל אַ פּראָבלעם, **גייסטו נאָכאַמאָל זיין אינגאַנצן אויסער זיך!** אויב דו גייסט נישט מסדר זיין דיינע אינערליכע הרגשים, וועסטו קיינמאָל נישט אַרויסגיין דערפון.

## די איינציגע עצה - זיך מחזק זיין מיט אמונה

דאָס מציאות איז, אַז די וועלט איז פול מיט אַלע ערליי שווערע מצבים וואָס קומען אונטער, און די איינציגע וועג צו פּטור דערפון גענצליך און צו פאַרזיכערן אַז ס'זאָל גאָרנישט ווי טון, איז **דורכדעם וואָס מ'איז זיך מחזק אַז דער רבוש"ע פירט די וועלט** און ער איז טוב ומטיב, אַלעס איז פאר מיין טובה. אויך ווען ס'קומט אונטער אַ נסיון בין אדם לחבירו זאָגט דער בעל בטחון: "ס'איז נישט יענער, ס'איז אַלעס פון דעם רבוש"ע".

דאָס זעלבע, ווען איינער באַצאָלט אים נישט קיין חוב און ס'טוט ווי: "פאַרוואָס איז יענער אַזאַ אוממענטש, כ'האָב אים דאך קלאָר געזאָגט אַז איך גיי דאַרפן וויכטיג דאָס געלט אין עטליכע חדשים. כ'האָב אים אַזוי געבעטן! אַלעמאָל טוט ער דאָס! ער האָט נישט קיין שום אחריות!" וועט דער בעל בטחון זיך אָבער חזר'ן אַז **די סיבה פאַרוואָס איך קען נישט יעצט קויפן אַ געוויסע זאַך, איז נישט וויבאַלד יענער האָט מיך נישט צוריקגעגעבן דאָס געלט.**

## שטייגן שטאַפּל נאָך שטאַפּל

דער בעל בטחון אַרבעט דערויף שווער. ער חזר'ט עס איינמאָל און נאָכאַמאָל: **ס'האָט גאָרנישט צוטון מיט יענעם!** ער טאַנצט און שפּרינגט: **רבוש"ע, יישר כח פאַר'ן מיר ברענגען צו אַזאַ סאָרט מצב**, ווייל ס'איז זיכער פאר מיין גוטס.

אַזוי רייניגט ער זיך אויס נאָך אַ שטיקל האַרץ, און נאָכדעם מאַכט ער נאָך אַ שטיקל האַרץ ריינער, **ביז ער ווערט אַזאַ סאָרט מענטש וואָס גאָרנישט שטערט אים נישט.** און נאָכדעם גייט ער אַרויף צו נאָך אַ דרגא, אַז נישט בלויז ס'שטערט אים נישט, נאר די צרות ברענגען אים גאָר הרגשים פון קרבת אלקים. אפילו ווען ער כאַפּט אַ פּאַטש. ער דרייט זיך אַרום מלא תענוג. דער פּסוק 'הבוטח בה' חסד יסובבנו' האָט ביי אים באַקומען אַ נייע דערהער. ס'איז נישט סתם. ער שפּירט באמת אַ **שִׂמְחָתוֹ בְּכָל עִנְיָן שֶׁיַּעְתִּיקֵהוּ אֵלָיו.** מיט אַזאַ נאָענטקייט צו השי"ת!

## אַנטוויקלען אַ געפיל פון קרבת אלקים

פּונקט אַזוי ווי ס'איז דאָ מענטשן וואָס האָבן מיטגעלעבט געוויסע טראָומאַס און ווען זיי באַגעגענען עפּעס וואָס דערמאַנט זיי דערפון, וועקט דאָס אויף ביי זיי אַלטע ווייטאָגן, **דאָס זעלבע שפּילט זיך אָפּ ביי דעם בעל בטחון.** ער האָט געהאַט אַלע סאָרט מצבים ווען ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף השי"ת און ער איז געהאָלפן געוואָרן. ער האָט געהאַט אַסאַך מאָל שוועריגקייטן וואָס האָבן אים געברענגט אַזאַ געפיל

פון אהבה צו השי״ת, דעריבער פּאַסירט אויטאָמאַטיש **אַז יעדעס מאָל ווען ער טרעפט זיך נאָכאַמאָל אין אַ שוועריגקייט, וועקט זיך ווידער אויף די אַלע קרבת אלקים.**

דער רבוש״ע וויל אַז אַ איד זאל אַנטוויקלן אַזעלכע הרגשים, אַז זיין נפש זאל באַקומען התפּעלות פון אהבת ה׳ **דוקא ווען ס׳קומט אונטער אַ שוועריגקייט.** ווען ער טרעפט זיך אין אַ פּראָבלעם זאָל ער זיך דערמאַנען: **איך געדענק נאָך וויאַזוי דער רבוש״ע האָט מיך געברענגט אַ גרעסערע אור פּאָריגע מאָל ווען ס׳איז מיר געווען ענג!** דאָס וועט ברענגען אַז יעדעס מאָל ער וועט האָבן אַ שוועריגקייט, וועט דאָס אים מעורר זיין בטחון מיט נאָכמער אהבת ה׳!

## ווער נישט פאַרדרייט פאַר׳ן דאַווענען

אין שלחן ערוך ווערט גע׳פּסק׳נט להלכה (או״ח סימן פ״ט) אַז מ׳טאָר נישט טון קיין שום מלאכה און קיין שום סאָרט ביזנעס פאַר׳ן דאַווענען. די פּשוט׳ע טעם דערפון איז ווייל די ערשטע זאַך אינדערפרי דאַרף אַ איד גיין רעדן צום רבוש״ע.

אָבער ס׳ליגט דאָ נאָך אַ דערהער: די **זמן פון תפלה איז אַ צייט ווען מ׳בויעט אויף דעם געפיל פון קרבת אלקים.** כדי צו שפּירן דעם קרבת אלקים פון תפלה דאַרף אַ איד אַנטוויקלן די הרגשים אַז ״איך קען גאָרנישט טון און כ׳דאַרף אָנקומען צום אויבערשטן״.

אַצינד, ווען אַ מענטש גייט דאַווענען פאר אַ ישועה, און פאַר׳ן דאַווענען מאַכט ער אַלע ערליי טעלעפאָן קאָלס צו ערלעדיגן די זאַך, האָט ער יעצט פאַר׳הרג׳ט דעם גאַנצן הרגש פון קרבת אלקים. יעצט וועט זיין דאַווענען אויך נישט זיין מיט דעם ריינעם געפיל פון אהבת ה׳. אפילו אויב ער וועט שוין יאָ אינזין האָבן, וועט עס זיין נאר אויף אַן אופן פון ערלעדיגן און פועל׳ן אַ ישועה, אָבער ער וועט נישט קענען שפּירן די הרגשה פון שִׂמְחָתוֹ בְּכָל עִנְיָן שֶׁיַּעְתִּיקֵהוּ אֵלָיו.

## נישט פאַרפאַסן דעם געפיל פון ׳עונג הרוחות ועדן הנפשות׳

מ׳קען זאָגן אַ טעם אַז דערפאַר האָבן חז״ל באַשטימט אַז **מ׳טאָר נישט האָבן קיין הנאה פון אַ ׳מעשה שבת׳.** אויב מ׳האָט געטון אַ מלאכה בשבת במזיד איז עס אסור בהנאה אויף אייביג, ווייל אום שב״ק דארף אַ מענטש אַנטוויקלען אָט דעם הרגש פון קרבת אלקים: ״איך קען גאָרנישט טון - אַלעס וואָס פּאַסירט קומט בלויז פון השי״ת״. אָבער ווען איינער איז געגאַנגען און האָט יאָ געמאַכט אַ מלאכה אום שבת האָט ער יעצט חרוב געמאַכט דעם גאַנצן הרגש פון אמונה, **דערפאַר איז די מלאכה אסור, ווייל ס׳ליגט דערינען אַ שטיקל חסרון פון אמונה.** אויב דו גייסט עסן אַ שטיקל פלייש וואָס מ׳האָט געקאָכט באיסור שבת, וועט חלילה אַריינגיין אין דיר אַ שטיקל כפירה.

די **גמרא** (שבת קנ, ב) פאַרציילט פון אַ חסיד אחד, וואָס האָט געטראַכט אום שבת וויאַזוי מ׳קען פאַררעכטן זיין צוים, און דערפאַר האָט ער מקבל געווען אויף זיך דאָס קיינמאָל נישט צו פאַררעכטן. דאָס איז די זעלבע נקודה. דער חסיד האָט געשפּירט אַז ער איז דאָ נכשל געוואָרן ווייל **ער האָט נישט אַנטוויקלט דעם געפיל פון ׳מדושני עונג׳ וואָס שבת דארף ברענגען.** דעריבער האָט ער זיך מקבל געווען נישט צו טון גאָרנישט דערוועגן. און דערפאַר שטייט טאַקע אויף שב״ק די אַלע אויסדרוקן פון ׳עונג הרוחות ועדן הנפשות׳, ווייל **ווען אַ איד לעבט מיט דער הרגשה, קומט ער אָן צו אַזאַ זיסע תענוג פון ׳כגמול עלי אמו, כגמול עלי נפשי׳.**

## ווען מ׳איז בחיקו של השי״ת טוט גאָרנישט ווי

דער חובת הלבבות לערנט אונז דאָ: **עס לוינט זיך זייער שטאַרק צו אַנטוויקלען אָט דעם געפיל.** יעדעס מאָל ווען ס׳קומט דיר אונטער אַ פּראָבלעם, קודם כל, דערמאַן זיך אַז די צער וואָס דו שפּירסט האָט גאָרנישט צוטון מיט די דרויסנדיגע מציאות. ס׳האָט גאָרנישט צוטון ווייל יענער באַ׳עולה׳ט דיר, **יענער איז נאָר מעורר דיין ווייטאָג פון אינעווייניג,** און אויב דו וועסט זיך חזר׳ן אמונה וועט די ווייטאָג אַוועקגיין.

ס׳איז טאַקע נישט לייכט, אָבער **פּרוביר זיך צו מקבל זיין אַז דו גייסט אים נישט צוריק ענטפערן.** טו אַ פאַרקערטע פעולה פון אהבה פאר יענעם, כדי צו ערוועקן אין דיין האַרץ אַז די צער איז נישט תלוי אין די אַרומיגע מצבים.

ווען אַ מענטש וועט דאָס טון נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, **וועט ער צוביסלעך אַנטוויקלען נאָך ליכטיגקייט, וואָס וועט ברענגען ווייניגער צער און נאָך ווייניגער צער,** ביז ער וועט אָנקומען צו אַ פּלאַץ וואו ס׳וועט אים שוין גאָרנישט ווי טאָן. ער וועט זיין אַרומגענומען מיט אַזאַ קרבת אלקים אַז ס׳רעדט בכלל נישט צו אים די אַלע אַרומיגע זאַכן, ער געפינט זיך בחיקו של הקב״ה אַגאַנצן צייט. הלואי זאָל מען צוקומען דערצו, בסייעתא דשמיא.

# המקבל עליו עול תורה

## אם אתה עושה כן אשריך וטוב לך;

דאָס גליקליכע לעבן פון ׳המקבל עליו עול תורה׳

יום רביעי פרשת בה״ב כ״ג אייר תשפ״ה

א

# ובחרת בחיים; ס׳ליגט אין אונזערע הענט אויסצוקלויבן ׳עול תורה׳ אָדער ׳עול דרך ארץ׳

## ׳עול׳ איז די שווערע געפיל וואָס לאָזט נישט לעבן נאָרמאַל

חכמינו ז״ל זאָגן (אבות ג, ה): **כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ.** די משנה זאָגט נישט ״כל ׳הלומד תורה׳ מעבירין ממנו״, נאר ״כל המקבל עליו ׳עול׳ תורה״. - ׳עול׳ איז טייטש אַ **געפיל וואָס מאַכט שווער אויפ׳ן האַרץ און אויפ׳ן געוויסן.**

אַסאַך מענטשן דאַרפן האָבן געלט, אָבער ס׳איז דאָ מענטשן וואָס ווען זיי האָבן נישט קיין געלט פאַלט עס אויף זיי מורא׳דיג שווער. **זיי דרייען זיך אַרום אָן קיין קאָפּ.** זיי דרייען נישט בלויז מיט הלוואות, דאָס וואָלט געווען אַ האַלבע צרה, **זיי דרייען אויך זייער קאָפּ און האַרץ,** ווייל זיי האָבן אַן ׳עול דרך ארץ׳. ס׳איז דאָ אַנדערע אידן וואָס האָבן אַסאַך ווייניגער געלט, אָבער זיי האָבן נישט דעם ׳עול דרך ארץ׳. זיי האָבן נישט דעם געפיל וואָס מאַכט זיי שפּירן האַלב טויט.

׳עול דרך ארץ׳ איז דאָס כבידות וואָס באַהערשט דעם מענטש; ער לערנט נישט, ער דאַוונט נישט, ער האָט נישט קיין נאָרמאַלע שייכות מיט מענטשן, און ער איז אויפגערעגט אויף אַהאַלבע וועלט. איינער וואָס האָט נישט דעם ׳עול׳, קען טאַקע מאַנגלען אין געלט, אָבער **ב״ה ער לעבט.** מ׳קען רעדן מיט אים, ער לערנט תורה, ער דאַוונט מיט אַ געשמאַק, ער איז מקיים מצוות, ער רעדט מיט מענטשן. בסך הכל האָט ער אַ זייטיגע נושא פון געלט וואָס מ׳דאַרף זיך מטפּל זיין דערמיט, פּונקט ווי מ׳דאַרף מסדר זיין אַנדערע זאַכן.

## דאָס לעבן איז פול מיט פאַרשידענע טרדות

דער ׳עול דרך ארץ׳ איז אַ מורא׳דיגע קללה, וואָס איז נישט בלויז אַקטועל לגבי געלט. די עול פון געלט איז פּשוט די גרינגסטע דוגמא צו נוצן, אָבער באמת מיינט ׳עול דרך ארץ׳ **אַלע סאָרט פּראָבלעמען און טרדות וואָס אַ מענטש גייט דורך במשך זיין לעבן.** ׳דרך ארץ׳ איז טייטש די סדר וואָס איז דאָ אויף דער וועלט.

דער **רבינו תם** אין **׳ספר הישר׳** (שער ו) זאָגט אַז ס׳איז דאָ אַ מהלך וואָס אַ מענטש דאַרף נוצן, כדי נישט צו ווערן צעבראָכן פון די אַלע מאורעות אויף דער וועלט. ער דאַרף וויסן אַז **אַזוי גייט די סדר העולם.** מענטשן שטאַרבן, מענטשן ווערן נישט געזונט, מ׳גייט אַריבער פאַרשידענע פּרשיות פון חושן משפּט און פאַרשידענע פּרשיות פון אבן העזר. אַז מ׳ווייסט דאָס בעפאָר, אַז דאָס איז אַ חלק פון לעבן, דעמאָלט מאַכט עס נישט

אַזוי שווער פאַר'ן מענטש ווען ס'קומט אָן צו גיין[א].

'דרך ארץ' מיינט נישט בלויז געלט. **די טרדות פון חתונה מאַכן אַ קינד האָט דען בלויז צוטון מיט דעם חלק אויב ס'איז דאָ גענוג געלט צי נישט?** ס'איז דאָ אַזויפיל אַנדערע טרדות וואָס מ'דאַרף דורכגיין בשעת מעשה. 'דרך ארץ' מיינט אויך רפואה'דיגע זאַכן, לאו דוקא אַ גרויסע מחלה חלילה, נאר אפילו אַ מאַמע פון קליינע קינדער וואָס דאַרף איבערלאָזן אַלעס און לויפן מיט אַ פיבערדיג קינד צום דאָקטער, וואו זי איז יעצט געצווינגען צו וואַרטן אַ לענגערע צייט ביז ס'קומט אָן איר רייע, און דעמאָלט כאַפּט מען זיך הערשט אַז זי האָט פאַרגעסן צו מיטברענגען אַ וויכטיגע דאָקומענט... דאָס הייסט 'דרך ארץ'.

## טרדות יאָ, אָבער נישט קיין 'עול'

וואָס זאָגט דער רבינו תם אין ספר הישר צו אַזאַ סאָרט לעבן? דער רבינו תם זאָגט: **ס'איז זייער נאָרמאַל!** בתוך עמי אנכי יושבת, דיין שכן גייט אויך איבער די זעלבע זאַך. אפשר נישט פונקט מיט די זעלבע צורה, אָבער וואָס איז דען אַ חילוק? **יעדער איינער האָט זיך זיינע פעקלעך מיט פרשיות.** אַצינד האָט דער מענטש אַ בחירה, ער קען אויסוועלן צו האָבן אַן 'עול דרך ארץ', דאָס מיינט אַז ביי יעדע פרשה וואָס ער גייט אַריבער, זאָל ער אָטעמען שווער: "יוש... דו האסט נישט קיין השגה וואָס איך מאַך יעצט מיט... ווען דו וואָלסט געוואוסט וואָס כ'גיי יעצט דורך"... **דאָס הייסט 'עול דרך ארץ'**. אַזוי קוקט עס אויס.

אַזאַ איינער קען נישט יעצט קומען לערנען, ער קען נישט טון קיין שום אַנדערע זאַכן, מיט'ן תירוץ אַז ער גייט דורך אַ שווערע פרשה. אויב מ'וועט מברר זיין פון וואָס ס'רעדט זיך דאָ, וועט מען זען אַז דיין פרשה **איז זיכער נכלל אין די ווערטער פון דעם ספר הישר.** דער רבינו תם רעדט דאָרט דאך אויך וועגן מענטשן וואָס שטאַרבן, און אויך וועגן מענטשן וואָס שטאַרבן יונג, און וועגן אַלע סאָרט פראָבלעמען וואָס מ'גייט דורך. **אויב אַזוי, פאַרוואָס לעבסטו נישט מיט אַ פרישקייט?!** יעדער איינער מאַכט זיך מיט דאָ אויף דער וועלט!

## מ'קען דורכגיין אַ שוועריגקייט און בלייבן דבוק צו תורה

דער מענטש טענה'ט צומאָל: "וואָס איך גיי דורך, גייט קיינער נישט אַריבער". ס'האט אויך אַ שטיקל אמת, ווייל דער רבוש"ע גיט פאר יעדן איינעם אַ באַזונדערע פעקל וואָס איז געאייגנט ספּעציעל פאַר אים. אָבער למעשה האָט יענער אַ צווייטע שוועריגקייט, און דער דריטער האָט אַן אַנדערע פּראָבלעם. **פאַרוואָס דרייסטו זיך אַרום אַזוי בבדידות, כאילו דו ביסט דער איינציגסטער וואָס פייניגט זיך.** "ווען מענטשן וואָלטן נאר געוואוסט וואָס איך גיי דורך, וואָלטן זיי אַזוי רחמנות געהאַט אויף מיר... מ'וואָלט מיר אַריינגעשיקט אויף שבת, מיט אַזויפיל אהבה". קען טאַקע זיין אַז דו ביסט גערעכט, אָבער די אַלע מענטשן וואָס דו זעסט אין בית המדרש **גייען אויך דורך זייערע שווערע מצבים**, און פאַרוואָס שמייכלן זיי און לערנען יאָ תורה?!

בשעת מיר רעדן יעצט, זענען פאַרהאַן טויזנטער אידן, אין דעם יאָרגאַנג וואָס מ'מאַכט שוין חתונה, און מ'האָט אַ גאַנצע שטוב פון עלטערע און יונגערע קינדער בליעה"ר, און **יעצט בשעת מעשה זענען זיי פאַרנומען** צו פאַרשטיין אויב דער קצות האָט געמיינט צו זאָגן אַזוי, אָדער דער קצות זאָגט עפּעס אַנדערש...

## יעדער האָט 'דרך ארץ', אָבער מ'קען זיך בוחר זיין דעם 'עול'

קומט, לאָמיר גיין אַביסל אין צענדליגער בתי מדרשים, און מיר וועלן טרעפן די אידן וואָס יעצט איז פאַר זיי וויכטיג צו וויסן אויב דער פשט שטימט אויך לויט דעם ערשטן תירוץ פון תוספות, אָדער ס'איז נאָר גוט לויט דעם צווייטן תירוץ פון תוספות... זיי דינגען זיך יעצט מיט אַ חברותא איבער אַ דערהער אין דער סוגיא, מיט אַ געוואַלדיגע געשמאַק און רואיגקייט.

**ס'איז דאָ אַזאַ וועלט!** די אַלע אידן האָבן אויך 'דרך ארץ', די איינציגסטע חילוק איז נאָר אַז **זיי האָבן נישט קיין 'עול' דרך ארץ.** מ'קען דאָס זען ווען זיי גייען אַרויס פון ביהמ"ד בין הסדרים, זיי נעמען אַרויס דעם טעלעפאָן פון זייער רעקל וואָס איז געליגן אין דעם דרויסנדיגן צימער וואו מ'לייגט די היטן און מאַנטלען. און זיי זען אַז ס'איז דאָ זיבן קאָלס וואָס זענען נישט געענטפערט געוואָרן. איינס פון דעם דאָקטער, דריי פון די רביצין אין שטוב, און נאָך דריי פון אַנדערע טרדות. אודאי איז דאָ 'דרך ארץ', אָבער ס'איז נישטאָ קיין 'עול' דרך ארץ, **ווייל זיי זענען יעצט פאַרנומען מיט 'עול תורה'**. זיי זענען באַהערשט מיט געפילן צו תורה און צו דעם רבוש"ע.

דער רבוש"ע זאָגט אַזוי: 'דרך ארץ' גייט בלייבן 'דרך ארץ' פאר יעדן איינעם, פון אָנהויב די בריאה ביז סוף בריאה. דאָס איז די פּלאַן. געוואוין זיך צו דערצו, לערן דאָס אָפּ, **פאַרשטיי אַז דאָס איז די פּלאַן פאר דיינע קומענדיגע אַכציג - ניינציג יאָר בס"ד.** דו גייסט דורכגיין 'דרך ארץ'. אָבער אויב דו ווילסט האָבן 'עול דרך ארץ', קענסטו זיך דאָרט אַריינזעצן, קענסט דאָרט שווימען, קענסט זיך דאָרט קאָכן און מאַכן חילוקים מיט סברות דערינען, פונקט ווי אַנדערע אידן זענען עוסק אין דעם 'עול תורה'... מענטשן האָרעווען אַריין אין דעם 'עול דרך ארץ', זיי מאַכן גאַנצע לומדות'ער איבער די עוולה וואָס מ'האָט זיי געטון איז געווען אויך לויט דעם ערשטן תירוץ פון תוספות... ס'איז בעצם די זעלבע זאַך ווי דער איד אין ביהמ"ד, נאר זיי נוצן דאָס אויס אין זייער וועלט פון 'עול דרך ארץ'. ס'ווענדט זיך בלויז אין וועלכע וועלט מ'האָט דעם 'עול'.

ב

# למען ייטב לך; ס'איז אַ שאָד צו טראָגן דעם נישט ריכטיגן 'עול'

## 'מעבירין ממנו עול דרך ארץ' איז אַ טעכנישע תוצאה

דער **של"ה הק'** איז מסביר אַז ווען ס'איז נגזר געוואָרן אויף אדם הראשון נאָכ'ן חטא די עונשים פון מיתה, בזיעת אפך תאכל לחם, צער לידה און צער גידול בנים, איז דאָס נישט געווען קיין 'עונש', נאר ס'איז פשוט אַ מציאות'דיגע רעזולטאַט. ווען דער מענטש האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם רבוש"ע, **האָט ער זיך יעצט אויטאָמאַטיש אָפּגעריסן פון דעם חי החיים**, און אויב אַזוי וועט זיין גוף מוזן שטאַרבן. דאָס איז די מציאות וואָס פּאַסירט נאָכ'ן עסן פון דעם עץ הדעת. און דאָס איז אויך דער הסבר אויף אַלע עונשים וואָס שטייט אין דער תורה און אין חז"ל.

אויך די הבטחה פון 'כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול דרך ארץ', **איז אַ מציאות'דיגע תוצאה.** מענטשן מיינען צומאָל אַז ס'איז אַזויווי אַנדערע סאָרט קאָמפּליצירטע סגולות, אַז אַמאָל זעט מען עס בחוש, און אַמאָל דאַרף מען עס גלייבן. דער מענטש זאָגט: "כ'האָב מקבל געווען דעם 'עול תורה' און כ'האָב נאָכנישט געזען קיין 'מעבירין ממנו עול דרך ארץ', אפשר האָב איך נישט גענוג שטאַרק מקבל געווען"...

באמת אַרבעט דאָס זייער פשוט: 'המקבל עליו עול תורה' באַדייט אַז **מ'איז מקבל אויף זיך די הרגשים פון ליגן אין לערנען.** עול תורה איז פשט אַז ווען ער גייט אין גאַס אינטערעסירט אים אַ דערהער אין תורה.

ער לעבט דערמיט. און **אויב אַזוי איז עס בכלל נישט קיין סגולה.** ס'איז די איינפאַכע מציאות: ווען דו ביסט מקבל דעם עול תורה וועט יעצט אויטאָמאַטיש פּאַסירן אַז דיין מח וועט מער נישט זיין אַזוי פאַרקאָכט און פאַרדרייט מיט דעם 'עול דרך ארץ'!

## וואָס מ'חזר'ט אין מח, דאָס באַנעמט אַלע געפילן

דער כלל איז אַלעמאָל: די געפילן פונעם מענטש זענען מחובר צו דעם ענין וואָס חזר'ט זיך איבער ביי אים אין מח.

אויב אַ מענטש האָט געוויסע זאַכן וואָס ער טראַכט אַז "דאָס איז ביי מיר דער עיקר, און די אַנדערע זאַכן

---

א. **ספר הישר לר"ת שער השישי:** המידה הששית - הקורות והתלאות הבאות על בני אדם. כגון חידושים רעים או טובים, או שיהיה במצור, או יעלה למעלה גדולה, או ירויח הון, או שיקחוהו בשבי, או יאבד לו ממון, או יחלה הוא או אחד מבני ביתו, או יהיה גולה מארצו, או חבוש בבית הסוהר, או ימות אחד מאוהביו.

כל אלה החידושים ורבים כהם יטרידו לב בני אדם מעבודת האל, וישכיחוהו אותה, ויסירוה מלבו. אך בעת הזאת ידע וייבחן שכל כל משכיל, החזק הוא הרפה כי אם יהיה חזק ואמונתו קיימת, לא יוכלו כל החידושים לחסר מעבודתו. כאשר לא יוכלו הרוחות החזקות לעקור ההר הגדול ולהמישו ממקומו, כן השכל החזק והאמונה העיקרית לא ימישום כל אלה המאורעות.

וצריך האדם ליזהר בעת הזאת, וידע כי על זה התנאי בא בברית עם אלקיו, ואחרי אשר התנה על נפשו לעבוד אותו, צריך להשלים נדרו ולקיים אסרו, וצריך לו להכין לב חזק ואמיץ לקבל המאורעות, ויחשוב בהם בטרם בואם, וימתינם בכל יום ובכל שעה ובכל חודש, ויאמר בלבו, אם לא יבואו היום המאורעות יבואו למחר, ואם לא יבואו למחר יבואו לאחר מחר.

וכשיעשה זה, ויהיו עיניו ולבו בהם כשיבואו המאורעות, לא יטרידוהו ולא ישכיחוהו העבודה, כי ימצאוהו מזומן לקבל אותם. וזה מעשה הצדיק, **כי יחשוב וידע, כי העולם נוה התלאות, ועל כן עיניו ולבו בהם בכל רגע, ועל כן לא יטרידוהו כשיבואו ולא יחרידוהו.** אך יחרידו למי שהוא בטוח בעולם, ויאמר כי לא תבוא עליו צרה וכי שלותו תעמוד עליו, ועל כן, כשיבוא עליו הפך מאשר חשב, יחריד, ותאבד דעתו, ואמונתו, ועבודתו. וצריך למשכיל לשמור נפשו תמיד, ואל יבטח בטובת העולם רגע, רק ידע כי התלאות מזומנות לבוא, ובזה יצליח ותתקיים עבודתו.

איז ביי מיר אַ טפל", **דעמאָלט וועלן זיינע הרגשים נתעורר ווערן פון די סאָרט זאַכן**, ווייל דאָס פאַרנעמט ביי אים אַ פּלאַץ, און ער גייט נישט קענען טראַכטן פון עפּעס אַנדערש.

ווען איינער גייט אַריבער אַ געוויסע פּרשה אָדער טרדות, און ער הערט נישט אויף טראַכטן דערפון, **איז ער מקבל אויף זיך דעם 'עול דרך ארץ' און זיינע הרגשים גייען ווערן גענצליך איבערגענומען דערפון.** ער גייט יעצט זיין פּאַראַליזירט און נישט קענען לערנען אָדער דאַווענען.

ער חזר'ט איבער אין מח זיין שווערינקייט איינמאָל און נאָכאַמאָל, פון דער זייט און פון דער אַנדערער זייט. ער זאָגט זיך אומאויפהערליך: "דו כאַפּסט נישט ווי טיף די פּראָבלעם איז"... שפּעטער חזר'ט ער דאָס איבער אינדערהיים, און נאָכדעם זאָגט ער דאָס אויך פאר די חברים: "דער מצב איז אַסאַך ערגער ווי ענק טראַכטן"... פּשט איז, אַז דער מענטש קאָכט זיך מיט זיין 'עול דרך ארץ'. ער כאַפּט התפּעלות דערפון.

## אַ פרישע דערהער ביים מאַכן אַ קאַוועו...

דער מענטש טוט בעצם **די זעלבע זאַך וואָס דער כולל יונגערמאַן טוט אין בית המדרש.** ס'איז נאָר דאָ איין חילוק, דער תלמיד חכם לערנט און קאָכט זיך מיט'ן עול תורה, און דער אַנדערער קאָכט זיך מיט'ן עול דרך ארץ.

דער יונגערמאַן מיט'ן ישיבה כאַלאַט גייט אַרויס אינמיטן סדר צו נעמען אַ קאַוועו, און ווען ער קומט צוריק מיט דער קאַוועו, זאָגט ער פאר זיין חברותא: **"איך האָב געטראַכט נייע ווערטער וויאַזוי צו מסביר זיין דעם שטיקל וואָס מ'האָט פריער געלערנט...** דאַרפסט עס הערן, איך מיין אַז מיר האָבן נישט גענוג געכאַפּט וואָס דאָ שטייט, ס'איז דאָ נאָך אַ קנייטש וואָס מ'דאַרף אויסשמועסן..."

וואָס איז פּשט דערפון? פּשט איז, אַז **דער מענטש כאַפּט התפּעלות פון וואָס ער לערנט.** ער ליגט אין דער זאַך וואָס ער לערנט און ער האָט הנאה דערפון. דאָס איז די סיבה פאַרוואָס ווען ער איז געגאַנגען נעמען אַ קאַוועו **האָט ער בשעת מעשה געטראַכט פון וואָס ער האָט פריער געלערנט**, און ער איז צוריקגעקומען זאָגנדיג: "איך מיין אַז מ'קען עס אַרויסברענגען בעסער"...

בדרך אגב, אַסאַך מאָל פּאַסירט דאָס דוקא ווען מ'גייט מאַכן אַ קאַוועו. פאַרוואָס? ווייל בשעת מען האַלט אינמיטן רעדן און מ'שטעלט זיך נישט אָפּ, דעמאָלט איז דער מח אַביסל מער מצומצם. אָבער ווען מ'איז מפסיק פאר אַ ווײַלע, מ'רעדט נישט יעצט, **פאָרן די מחשבות ווי פון זיך אַליין, דער מח לויפט און ס'ווערט 'פּרה ורבה' מיט פרישע חידושים.** אַזוי איז די סדר וויאַזוי אונזער נפש אַרבעט.

## אַ נייע קנייטש אין דער סוגיא פון צרות...

אָט די זעלבע מחזה שפּילט זיך אָפּ **מיט דעם מענטש וואָס האָט אַן 'עול' דרך ארץ.** דער מענטש איז מחליט דאָס צו טון, נישט מיט קיין ישיבה כאַלאַט, נאר מיט זיין געווענליכע רעקל וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל צער און עגמת נפש.

ער טוט זיך אָן דאָס רעקל און ער גייט דאַווענען מנחה. אויפ'ן וועג טראַכט ער וועגן די פּראָבלעמאַטישע פּרשה וואָס ער גייט יעצט אַריבער, פאַרוואָס יענער איז שולדיג און פאַרוואָס איך בין אַליין שולדיג... דאַן קומט ער צוריק אַהיים און ער זאָגט: "ניין, ניין. ס'איז אַסאַך מער דערפון. איך מיין אַז מ'קען עס אַרויסברענגען בעסער"... **ער האָט זיך מעמיק געווען אין דעם עול דרך ארץ און ס'איז געווען פּרה ורבה...** ס'האָט באַקומען אַ פרישע קנייטש. פּונקט ווי דער יושב בית המדרש טוט מיט'ן עול תורה.

אַ מענטש דארף דערהערן אַז ער טוט די זעלבע זאַך. דו כאַפּסט אַז ס'איז דאָ אידן וואָס גייען דורך די זעלבע סאָרט פּראָבלעמען ווי דיר? מ'טראָגט זיי אויך אָן שידוכים, זיי וואַרטן אויף אַ תשובה פון דער אַנדערער צד, זאַכן זענען נישט קלאָר. **ממש פּונקט ווי ביי דיר.** פאַרוואָס האָסטו געטראַכט אַז נישט? וויפיל אידן זענען דאָ, וואָס מאַכן חתונה קינדער, אָבער זיי זיצן און האָרעווען אין לערנען. מ'רעדט נישט דוקא פון כולל יונגעלייט, מ'רעדט פון אַלע סאָרט מענטשן אין אַלע יאָרגענג, מיט די זעלבע סאָרט משפּחות און די זעלבע סאָרט פּראָבלעמען ווי דו גייסט דורך.

## יעדער לייגט אַריין דעם נפש אין אַן 'עול'

מיר קומען אַלע פון די זעלבע סאָרט משפּחות וואָס זענען געבליבן נאָך די צווייטע וועלט מלחמה, אַלע היימישע אידן מוטשן זיך בערך מיט די זעלבע זאַכן. אויב אַזוי שטעלט זיך די קשיא: וויאַזוי האָט דער כולל יונגערמאַן **גענוג פּלאַץ אין זיין נפש אַז ס'זאָל אים אינטערעסירן** אויב למעשה זאָגט דער מהרש"א די נקודה, אָדער דער מהרש"א זאָגט אן אַנדערע דערהער? כ'וויל סתם וויסן... כ'פרעג נישט צי ער האָט אַ גוטן קאָפּ, כ'וויל וויסן וויאַזוי זיין נפש קען עס באַווייזן?!

די תירוץ איז: **אַז דו טוסט די זעלבע זאַך, אויב כ'מעג זאָגן...** די קשיא איז פּונקט אַזוי אויף דיר. ביידע טוען די זעלבע זאַך, מ'לייגט אַריין די נפש אין אַ געוויסע עול. די שאלה איז בלויז, **אין וועלכע עול לייגסטו אַריין דיין נפש.**

## מ'קען אויך לערנען אין אַ כולל וואו מ'איז מפלפל אין פּראָבלעמען...

מ'רעדט נישט יעצט וועגן דעם חלק אַז ווען אַ איד לערנט תורה, באַקומט ער נאָכדעם שפע - וואָס דאָס איז גראַדע אויך אמת, ווי דער פּסוק איז מבטיח 'הבוטח בה' חסד יסובבנו' - אָבער יעצט רעדט מען מיט אַ בליק פון עולם הזה. דער איד אין ביהמ"ד וואָס האָט מקבל געווען אויף זיך דעם 'עול תורה', לעבט אַ 'פּרשת המן'דיגע לעבן. די תורה אינטערעסירט אים, דאָס מאַכט אים התפּעלות, **און אויב דאָס מאַכט אים התפּעלות איז זיין מח פּרה ורבה אין דעם ענין.**

ווידעראום איינער וואָס טוט דאָס נישט, טוט למעשה די זעלבע זאַך, **ער זיצט און האָרעוועט אין אַ כולל עיון פון זיינע צרות,** כפשוטו ממש... מ'האָט אויסגעקליבן די בעסטע יונגעלייט וואָס ווייסן וויאַזוי גוט צו מפלפל זיין אין צרות און יענער האָט זיך אויך אַריינגעזעצט אין יענעם כולל. אגב, דער כולל פון צרות האָט שוין די לעצטע צוואָנציג יאָר נישט געהערט דאָס געהאַלט... אָבער דער מענטש איז שוין געבליבן צוגעוואוינט צו דעם כולל, זיצט ער דאָרט און פּראַוועט אָפּ זיין לעבן מיט אַ ביטערניש.

ג

# בחקותיך אשתעשע; מיר מוזן באַקומען התפּעלות פון לערנען תורה

## די נומער איינס מעכב פון לימוד התורה

לאָמיר גיין אַ טריט ווייטער: וואָס איז די שווערסטע מניעה וואָס האַלט צוריק מענטשן פון זיך זעצן לערנען?! וועלכע זאַך איז די 'נומער איינס' שטער אַז מענטשן זאָלן זיך נישט אַוועקשטעלן מיט אַ קביעת עתים, לערנען פאַרטאָגס; לערנען אין כולל; לערנען מיט אַ חברותא אין בית המדרש; לערנען גמרא מיט שלחן ערוך, אָדער אפילו לערנען חומש רש"י מיט תהלים. **וועלכע זאַך האַלט דאָס בעיקר אָפּ?!**

די תירוץ איז זייער קלאָר: **די עיקר סיבה וואָס איז מונע פון מענטשן צו לערנען איז 'אַ מאַנגל אין קאָנצענטראַציע'.** דאָס איז הונדערט פּראָצענט די הויפּט אורזאַך פאַרוואָס מענטשן לערנען נישט און פאַרוואָס מען האָט נישט קיין הנאה צו לערנען. דער מענטש קען זיך נישט קאָנצענטרירן, דעריבער טראַכט ער: **"לאָמיר גיין טון עפּעס אַנדערש, ווייל איך פלאַץ אַוועק...** איך זיץ און חלום דאָ, כ'קען זיך סייווי נישט קאָנצענטרירן".

## אַז ס'איז נישטאָ קיין ריכוז אין מח, איז נישטאָ קיין חשק

דאָס האָט נישט צוטון מיט קיין שוואַכע כשרון. היינט קען יעדער איינער, אפילו מיט אַ שוואַכע כשרון, לערנען און פאַרשטיין. ס'איז דאָ אַזויפיל מסגרות און אָפּציעס צו לערנען פּאַמעליך מיט גמרות וואָס העלפן פאַרשטיין און הנאה האָבן פונעם לערנען. נאר וואָס איז יאָ די פּראָבלעם? אַז **ער קען זיך נישט קאָנצענטרירן דעם מח.** דאָס איז די ערשטע און שטאַרקסטע סיבה וואָס האַלט אָפּ מענטשן פון לערנען.

ווען דער מענטש וואָלט געשפּירט אַ התרגשות און אַ גוטע געפיל ביים לערנען, וואָלט ער אודאי געלערנט ברציפות מיט הנאה. נאר דער מענטש איז זיכער אַז: "איך פאַרפאַטשקע סייווי מיין צייט, לאָמיר כאָטש גיין טון עפּעס אַנדערש". און פאַרוואָס פאַרפאַטשקעט ער טאַקע זיין צייט? **צוליב אַ מאַנגל אין קאָנצענטראַציע.** קומט אויס אַז די שטאַרקסטע פּראָבלעם און אָפּהאַלט פאַר'ן לערנען איז די מאַנגל אין קאָנצענטראַציע.

## אַ מאַנגל אין קאָנצענטראַציע קומט צוליב 'עול דרך ארץ'

אַז מ'וועט אַריינטראַכטן וועט מען זען אַז די שטאַרקסטע סיבה פאר אונזער מאַנגל אין קאָנצענטראַציע איז **ווייל די הרגשים פון דעם מענטש זענען פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן.**

אויב אַזוי קומען מיר צוריק צו דער נקודה וואָס מ'האָט אָנגעהויבן, אַז **אַלעס דרייט זיך אַרום דעם 'עול דרך ארץ'**. דער מענטש קען זיך נישט קאָנצענטרירן, פאַרוואָס קען ער זיך נישט קאָנצענטרירן? נישט ווייל זיין חברותא קלאַפּט מיט די פּענע אַגאַנצן צייט און ס'מאַכט אים נערוועז. אפשר איז דאָס אויך אַ סיבה, אָבער אויך ווען דער חברותא האָט נישט געקלאַפּט

זיצט ער און חלומ'ט. **וועגן וואָס חלומ'ט ער? וועגן זיינע פראָבלעמען.** - און 'פּראָבלעמען' מוז נישט מיינען צרות. ס'קען מיינען אַז ער האָט אַ גאַנצע פּלאַן צו אינוועסטירן ערגעץ, ער האָט שוין אָנגערופן דעם און יענעם צו מברר זיין, און יעצט נעמט דאָס אים אַוועק די קאָפּ פון קאָנצענטרירן ביים לערנען.

## פיזור המחשבות איז די גרעסטע שטער פאַר'ן לערנען

ס'איז כדאי צו איבער'חזר'ן די ווערטער פון דעם פירוש **תפארת ישראל** אויף דער משנה אין מסכת אבות (א, טו): 'שמאי אומר, עשה תורתך קבע', וואו ער ברענגט פינף כללים אויף הצלחה צו לערנען און געדענקן. אין דעם ערשטן שטיקל איז דער תפארת ישראל מסביר אַז **ס'איז דאָ אַן אופן פון לערנען בדרך ארעי מיט'ן גוף.** למשל ווען דער מענטש זיצט אָנגעלאַנט, אָדער ער ליגט אויף אַזאַ צורה פון עראי. און **ס'איז אויך דאָ אן אופן פון לערנען בדרך ארעי מיט דער מחשבה**, אויב מ'טראַכט אַנדערע זאַכן בשעת מען לערנט. 'עשה תורתך קבע' איז טייטש אַז מ'זאָל פולקאָם זיין דערביי מיט'ן גוף און מיט די מחשבה.

דער תפארת ישראל שרייבט דאָרט דאָס לשון: **"אין לך דבר שמרטט ומבלה ההשגה והשכל והזכרון כפיזור המחשבות"**. ס'איז נישטאָ נאָך אַ זאַך וואָס שוואַכט אָפּ און מאַכט קאַליע די השגה, די שכל און דעם זכרון, ווי דער זאַך פון 'פיזור המחשבות'. **דאָס נעמט אַוועק דעם גאַנצן מח און די גאַנצע הבנה פון דעם מענטש און ס'מאַכט דערפון אש און פאַרעך.** זיין מח אַרבעט דעמאָלט בלויז אויף עטליכע פּראָצענט. נישטאָ נאָך אַ זאַך וואָס איז מבטל דעם מענטשנס כח הבנה ווי פיזור המחשבות!

## יעדע סאָרט איבערגעטריבענע געפיל איז אַ מניעה צום לערנען

דער תפארת ישראל ברענגט וואָס די **גמרא** זאָגט אין **מסכת סנהדרין** (כו ב): 'מחשבה מועלת לדברי תורה'. און רש"י זאָגט אין זיין צווייטע פּשט אַז מחשבה העלפט צו מאַכן פאַרגעסן דאָס לערנען, ווייל דאגה ברענגט אַז מ'זאָל נישט פאַרשטיין און מ'זאָל נישט געדענקן קיין תורה.

און דער תפארת ישראל דרוקט זיך אויס: **"לא די במחשבת יגון, אלא אף מחשבת שמחה יתירה ג"כ מזיקה לשכל ולזכרון במה שלומד אז"**. - נישט נאר ווען דער מענטש האָט טרויעריגע מחשבות שטערט דאָס פאַר'ן לערנען, נאר אפילו ווען דער מענטש איז איבערגענומען פון פריידיגע געפילן שעדיגט דאָס פאַר'ן שכל און פאַר'ן זכרון. ער איז יעצט מרוגש, דעריבער איז זיין קאָפּ נישט אויפ'ן פּלאַץ, ער דאַרף זיך כסדר דערמאַנען: "נו, לאָמיר לערנען ווייטער"...

דער תפארת ישראל פירט אויס אַז די איינציגע שמחה וואָס העלפט יאָ פאַר'ן לערנען, איז מחשבות פון שמחה **וועגן די זאַך אַליין וואָס מ'לערנט.** דאָס איז יאָ מחזק דעם כח השכל והזכרון, ווי ס'שטייט אין פּסוק 'בחקתיך אשתעשע' - אויב כ'בין זיך מתענג מיט'ן לערנען, דעמאָלט 'לא אשכח דבריך' - וועל איך נישט פאַרגעסן די תורה.

## דער בחור פון שיעור ג' קען זיך נישט קאָנצענטרירן

אַלענפאַלס, זעען מיר דאָ זייער קלאָר דעם יסוד, אַז דאָס וואָס אַ מענטש קען זיך נישט קאָנצענטרירן ביים לערנען **קומט צוליב דעם ווייל ער איז איבערגענומען פון אַרומיגע הרגשים.**

ס'האָט מיר דערציילט איינער וואָס איז איינגעשטעלט אין אַ ישיבה גדולה, אַז לעצטנס איז דאָרט פאָרגעקומען אַן אסיפה פון דער ישיבה שטאַב, און אינמיטן האָט זיך אויפגעשטעלט אַ מגיד שיעור פון שיעור ג', וואו ס'זענען שוין דאָ בחורים וואָס האַלטן אינמיטן די פערציג טעג פון סגולות... און דער מגי"ש רופט זיך אָן מיט אַ קאָך: "איך פאַרשטיי נישט. **וויאַזוי קען איך לערנען מיט די בחורים אויב מ'לערנט נישט מיט זיי קיין שער הבטחון אין חובת הלבבות?**". דער מגי"ש האָט מסביר געווען זיינע ווערטער: "איך האָב נישט צו וועמען צו רעדן, דער בחור איז פאַר'דאגה'ט, ער איז נישטאָ ווייל ער איז צעבראָכן, זיין רגש איז ערגעץ אַנדערש".

מ'רעדט נישט וועגן עבירות חלילה. מ'רעדט וועגן אַ בחור וואָס איז טרויעריג ווייל ער האָט שוין נישט קיין חברים; ער איז צעבראָכן ווייל זיין חבר איז געוואָרן אַ חתן; ער איז צעבראָכן ווייל ער איז נישט מצליח אין רוחניות; ער האָט געהאַט אַ דורכפאַל און **דער מענטש איז צעפּראַסקעט; זיינע הרגשים זענען צעמישט.** אַביסל האָט ער דאגה, אַביסל האָט ער יאוש, אַביסל איז ער טרויעריג, אַביסל איז ער אַנטוישט פון זיך אַליין: "איך בין אַ גאָרנישט מיט נישט"... זאָגט דער מגיד שיעור: וויאַזוי קען איך לערנען מיט די בחורים? כ'האָב נישט מיט וועמען צו לערנען! זייער מח איז נישטאָ, ווייל זיי זענען פאַר'דאגה'ט.

בקיצור, די 'אַלטע' בחורים פון אַכצן יאָר אַלט **האָבן פאַקטיש אַן 'עול דרך ארץ'.** דאָס איז בכלל נישט קיין ווערטל. גיי קוק וועסטו זען אַז דאָס איז די מציאות, ווי מ'האָט דערמאַנט, אַז 'עול דרך ארץ' איז טייטש: **דאָס געפיל וואָס שלעפּט אַראָפּ דעם מענטש צוליב זיינע טרדות ודאגות החיים.**

## 'עול דרך ארץ' ביי ישיבה קטנה בחורים

דער משגיח אין ישיבה קטנה גיבט אַ דרשה פאַר די בחורים און ער זאָגט: "טייערע בחורים, ס'איז יעצט אייערע בעסטע יאָרן, נישטאָ קיין עול הפּרנסה, מ'קען זיצן און לערנען מיט אַ רואיגקייט אָן קיין שום דאגה"...

איך פאַרשטיי וואָס ער זאָגט, אָבער באמת איז די סאָרט דרשה אַביסל לאַכעדיג. פאַרוואָס? ווייל ס'איז נישט קיין נפקא מינה צווישן אַן ערוואַקסענער מענטש וועלכער האָט אַן 'עול דרך ארץ' אַז ער דאַרף דעקן די באַנק אַקאַונט, און **צווישן אַ בחור'ל וועלכער האָט אַ ישיבה קטנה'דיגע סאָרט 'עול דרך ארץ'.** דער נפש שפּירט אין ביידע פעלער די זעלבע שווערע עול!

ס'איז נישטאָ קיין טראָפּ ווייניגער 'עול דרך ארץ' פאר אַ בחור אין ישיבה קטנה, וואָס האָט **אַ גאַנצע פּעקל מיט זאַכן וואָס באַדערן אים זייער שטאַרק.** ערשטנס, איז אים זייער וויכטיג וויפיל מ'האַלט פון אים און וואָס ס'איז זיין סטאַטוס צווישן די געזעלשאַפט. ס'איז דאָ אַ יאָרגאַנג וואָס דאָס איז ממש די וויכטיגסטע זאַך פאַר'ן מענטש. ער וועט טון אַלעס כדי צו הייסן אָנגענומען צווישן די חברים, ס'איז אים יעצט דאָס מערסטע נוגע. אויסערדעם האָט ער אַ נושא מיט זיינע יצר הרע'ס און תאוות, ער האָט אן עול דערפון, ער גיט זיך יאָ אַן עצה, ער גיט זיך נישט קיין עצה...

שפּעטער האָט ער אן 'עול דרך ארץ' פון דער ישיבה, אויב ער שטעלט זיך גענוג צו. ער האָט בחינות מיט אַנדערע שיעבודים וואָס זיין טאַטע מאַמע דאַרפן אויך זיין צופרידן דערפון. און ער האָט אויך פאַרשידענע אַנדערע דאגות. אַמאָל איז ביי אים אינדערהיים אַביסל פרייליך צווישן די עלטערן. צומאָל איז דער בחור אַליין פאַרמישט אין אַ מחלוקה'לע. דאָס אַלעס איז דער 'עול דרך ארץ' פאַר זיין יאָרגאַנג.

יעדער בחור האָט כאָטש 2-3 זאַכן וואָס זענען אים שטאַרק נוגע. ער איז ברוגז אויף די מיטאָג וואָס די ישיבה גיט יעדן מיטוואָך, ער איז פאַרנומען דערמיט און ס'איז אַ גאַנצע נושא... ער האָט שוין געבעטן זיין מאַמע זאל רעדן מיט די הנהלה. ער האָט געפּלאַנט מיטצוברענגען מיטאָג פון שטוב, אָבער ער האָט עס איבערגעלאָזט אינדערהיים... **דער בחור דאַרף פּונקט אַזוי בוחר זיין צווישן 'עול דרך ארץ' און 'עול תורה'.** ער שטייט אין דעם זעלבן מצב ווי דער ערוואַקסענער מענטש וואָס האָט אן אַנדערע סאָרט 'עול דרך ארץ'.

## די לעזונג איז צו באַקומען התפּעלות פון תורה

אַ איד דאַרף בלויז אַרבעטן צו טוישן זיינע הרגשים, אַז **ער זאָל זיך נישט טובל'ן אין דעם 'עול דרך ארץ', נאָר ער זאָל זיין איינגעטינקען אין דעם 'עול תורה'** דורך שפּירן אַ געפיל אין לערנען. ווילאַנג דער מענטש לערנט זיך נישט אויס וויאַזוי צו כאַפּן התפּעלות פון תורה, גייט ער בלייבן אין דעם זעלבן מצב ווי דער ישיבה קטנה בחור, און **ער גייט דאָרט זיצן פאר די קומענדיגע פופציג יאָר.**

יעדעס מאָל גייט דער מענטש זאָגן נאָכאַמאָל דעם זעלבן שקר פאַרוואָס ער איז נישט מצליח אין תורה, און יעדעס מאָל מיט אן אַנדערע לבוש. ווען ער גייט ווערן עלטער וועט ער זאָגן אַ תירוץ, אַז ער לערנט נישט ווייל ער האָט נישט קיין געלט, אָבער ס'איז אַ שקר, ווייל **אַ חסרון אין געלט איז אייגנטליך אַ גוטע סיבה פאַרוואָס ער טאָר נישט זיין אין כולל.** דער רבוש"ע וויל אַז דו זאָלסט אויך עוסק זיין 'לעבדה ולשמרה'. דאָס איז בסדר גמור, נישט קיין שום פּראָבלעם. ס'איז אַ חלק פון דעם רצון ה'. אָבער די שאלה איז: **פאַרוואָס לערנסטו נישט?! מ'האָט נישט געפרעגט פאַרוואָס דו זיצט נישט אין כולל, מ'האָט געפרעגט פאַרוואָס לערנסטו נישט?** האסט שוין אַמאָל געכאַפּט אַז דו לערנסט נישט?! די תשובה דערויף איז, אַז דער מענטש לערנט נישט קיין תורה, ווייל ער איז נאָכנישט דערגאַנגען וויאַזוי צו מאַכן דעם פאַך פון מקבל זיין דעם 'עול תורה', צו כאַפּן התפּעלות פון תורה.

ווילאַנג דער מענטש ווייסט נישט וויאַזוי צו כאַפּן התפּעלות פון לערנען, איז ער ראשו ורובו אין דעם מצב פון כאַפּן התפּעלות פון עולם הזה. איינער כאַפּט נעבעך התפּעלות פון תאוות און ער איז ליידער אין דער בלאָטע, אַ צווייטער כאַפּט התפּעלות פון טרדות, אַ דריטער כאַפּט התפּעלות פון די נייעס. די צד השוה איז, אַז **זיי האָבן נישט מצליח געווען אַז דאָס לערנען זאָל זיין גענוג אינטערעסאַנט** אַז ס'זאָל זיי איבערנעמען די הרגשים און ברענגען צו אַ התפּעלות.

## די גרויסע שאלה: וויאַזוי מאַכט מען דאָס?!

אַ מענטש דאַרף וועלן וויסן וויאַזוי מאַכט מען דאָס. ער זאָל צוגיין צו אַ כולל יונגערמאַן און אים פרעגן: עס באַדערט אייך נישט אויב כ'פרעג אייך אַ פּריוואַטע שאלה? כ'וויל וויסן איין זאַך, דו האסט מיר אַ וועג צו מגדיר זיין, **פאַרוואָס ביסטו נתפּעל ווען דו האסט אַ ספק אויב 'דינא דגרמי' איז אַ 'דין' אָדער ס'איז אַ 'קנס'?!** פאַרוואָס האָסטו אַזאַ התפּעלות ווען דו האסט אַ שאלה וואָס איז די הלכה טאָמער מ'האָט מזיק געווען בגרמי דורך אַ שוגג אָדער דורך אַן אונס?! כ'וויל וויסן פאַרוואָס איך כאַפּ נישט קיין התפּעלות דערפון. **פאר מיר איז עס נישט קיין שום חילוק, אָבער דו ווערסט יאָ נתפּעל דערפון, משום איזה סיבה שהוא.** כ'האָף אַז דו

האסט נישט קיין טענות, אָבער כ'קוק דיר נאָך און כ'זע אַז דו ביסט ממש איבערגענומען פון דעם נושא. ווען איז דאָס געשען? דו ביסט געבוירן געוואָרן אַנדערש? דו האסט אַ הייליגע נשמה? וואָס איז די מעשה דאָ?...

דאָס איז די שאלה וואָס אַ מענטש דאַרף פרעגן. שפּעטער וועט מען זען די תשובות, אָבער קודם זאָל ער פרעגן די שאלה. ער דאַרף ממשיך זיין און ווייטער פרעגן: **איך קען אייך פרעגן אַ פּריוואַטע פראַגע? איר האָט קינדער?** אויב האָט איר נישט קיין קינדער, אויב אַזוי פאַרוואָס זענט איר נישט נתפעל פון דער צרה?!

און אויב האָט איר יאָ קינדער, פאַרוואָס זענט איר נישט נתפעל פון די אַלע טרדות?! איך וויל וויסן מיט וואָס בין איך אַנדערש ווי דיר?!

כ'זע אויף דיר אַז דו ווערסט נתפעל ווען דו לערנסט. איך האָב באַמערקט אַז ווען דו ביסט געגאַנגען נעמען אַ קאַווע אינמיטן לערנען ביסטו צוריקגעקומען און האסט געזאָגט אַז דו האָסט געטראַכט אַ שיינע דערהער: "לויט דעם וואָס מ'האָט יעצט געלערנט קען מען צולייגן"... **פאַרוואָס ווען איך מאַך אַ קאַווע אינטערעסירט מיך נישט וואָס כ'האָב געלערנט?!**

ווען מ'ווייסט אָט דעם סוד, דעמאָלט קען אפילו דער ישיבה קטנה בחור זיך מתגבר זיין אויף אַלע זיינע פרשיות וואָס ער גייט אַריבער און **ער קען באַקומען התפעלות פון וואָס ער לערנט, לויט זיין דרגא.** ער דאַרף נישט זיין דער גרעסטער למדן עד כדי כך אַז דער קצות האָט אים אַרויסגענומען פון די כלים, אָבער ער קען יאָ באַקומען אַ געשמאַק אין פאַרשטיין תורה לויט זיין יעצטיגע הבנה. ער איז דאָס מסביר פאר אַ צווייטן, ער קאָכט זיך דערינען, און ער כאַפּט התפעלות דערפון.

נקודה למחשבה

# די הקדמה איידער יעדע תפלה: מקבל זיין באהבה

מתוך שיעור יום ראשון פרשת וירא י"ב מרחשוון תש"פ

## אָן קיין הקדמה פון בטחון העלפט נישט קיין תפלה

דער **אלשיך הק'** אין פרשת בהעלותך זאָגט אַ מורא'דיגע לשון: דער דרך פון מענטשן וואָס האָבן ווייניג שכל איז אַז ווען ס'קומט זיי אַ שווערigקייט דעמאָלט בעטן זיי 'הצילנו נא כי מושיע אין בלתך' און נאָך אַזעלכע סאָרט ווערטער, אָבער זיי ווערן נישט געהאָלפן מיט זייערע תפלות. זייערע תפלות מאַכט נאָך דעם מצב ערגער.

פאַרוואָס טאַקע?! זאָגט דער אלשיך הק' **ווייל איידער זיי דאַווענען זענען זיי נישט מקבל די גזירה פון השי"ת באהבה.** דער מענטש הייבט גלייך אָן בעטן: "איך וויל האָבן כך וכך". ער מוטשעט כביכול מיט אַ תהלים, אָדער מיט אַ סגולה, אָבער ער זאָגט נישט אַרויס בעפאָר: "איך האָב זיך נישט געפירט ווי ס'דאַרף צו זיין. די שוועריגקייט וואָס דער רבוש"ע האָט געמאַכט איז זיכער געווען גוט פאר מיר". דער מענטש וויל נישט רעדן דערפון, ער הייבט גלייך אָן דאַווענען.

וואָס פאַסירט אַצינד מיט זיין תפלה?! מען עפנט די ביכער אויבן, צו זען נאָכאַמאָל אויב ס'קומט זיך דיר טאַקע די שפע. אָבער דער מענטש דאַוונט און בעט ווייטער. דאָס איז אַזויווי איינער דארף אַ טובה פון אַן עושר, און ער קומט שפּעט אינמיטן די נאַכט קלאַפּן אין טיר. אויב מען עפנט אים נישט, הייבט ער אָן קלאַפּן שטאַרקער און העכער, ער האַקט אַזוי ביז ער וועקט אויף אַלע קינדער פון שטוב....

זאָגט דער אלשיך הק', אַז פון אַזאַ סאָרט תפלה ווערט בלויז נתעורר די מקטרגים. ווייל דאָס וועקט אויף די שולד פון דעם מענטש. **נישט דאָס איז די ריכטיגע דרך פון תפלה!**

## צוגיין צום דאַווענען מיט אַ קבלת יסורים באהבה

די פאַסיגע מהלך איז אַז בעפאָר דו הייבסט אן דאַווענען, זאָג זיך אַליין אַז "לא חשיד קודשא בריך הוא דעביד דינא בלא דיינא'. דער רבוש"ע איז נאָר מטיב, און די שוועריגקייט קומט זיך מיר. אודאי דארף נישט אַ מענטש יעצט אַריינגיין אין מחשבות אַז "אין בין אַזאַ גרויסער רשע, ס'קומט זיך מיר אַלע יסורים". חס ושלום. אָבער בכלליות דאַרף מען געדענקן אַז אויב ס'איז מיר געקומען אַזאַ סאָרט מצב, **איז דאָס זיכער די בעסטע זאַך פאר מיר**, כ'בין נישט חושד דעם אויבערשטן, און איך דאַנק אים דערויף!

ווען אַ מענטש טוט אַזוי איז דאָס די אמת'ע וועג צו אָפּשוואַכן דעם כח פון די מקטריגים, דערנאָך קען ער ריכטיג מתפלל זיין. ווייל איינמאָל דו האסט שוין אַוועקגענומען די מקטרגים פון דיין תפלה, קענסטו בעטן און דאַווענען און די תפלות וועלן נתקבל ווערן!

## סבלון אחד עושה יותר מכמה תפילות

דער הייליגער חתם סופר אין די דרשות פון פרשת זכור (ח"א עמ' קפה), זאָגט אַ לשון נפלא: **"סבלון אחד עושה יותר מכמה תפלות"** - ווען אַ מענטש איז סובל די יסורים בשמחה, ער מאַכט נישט קיין חשבונות נאר ער זאָגט "אויב דער רבוש"ע האָט אַזוי געטון, האָט ער זיכער געהאַט אַ חשבון. דער רבוש"ע איז גערעכט און איך בין זיך מבטל פאר זיין רצון". **דעמאָלט טוט דאָס אויף מער ווי אַסאַך תפלות!** ווייל דורך מקבל זיין דעם רצון ה' ווערט ער נאָנט צום אויבערשטן און די ישועה וועט אַסאַך שנעלער קומען.

מיט דעם טייטשט דער חתם סופר דעם פסוק (תהלים כב, ב-ג) **"רחוק מישועתי דברי שאגתי, אלקי אקרא יומם ולא תענה ולילה ולא דומיה לי"** - ווילאַנג אַ מענטש שרייט בלויז, קען ער גאָר דערווייטערט ווערן פון תפלה, ווייל די געשריי קומט באַגלייט מיט אַ 'טינא בלב' פון אַזעלכע מחשבות: "ווילאַנג דאַרף איך נאך וואַרטן?! פאַרוואָס קומט זיך מיר דאָס?!".

אָבער ווען אַ מענטש דאַנקט יאָ פאר זיינע צרות, טראָצדעם וואָס ס'טוט אים זייער שטאַרק וויי, בינדט ער זיך דורכדעם אַזוי שטאַרק צו צום אויבערשטן! זיין האַרץ ווערט אַזוי נאָנט און מקושר צום רבוש"ע, אַז שפּעטער קומט טאַקע די ישועות און די שפע. **אַסאַך מער ווי ער וואָלט גע'פועל'ט בלויז דורך תפלה!** דער רבוש"ע וויל אַז אַ איד זאָל אים דאַנקן פאר זיינע צרות, אַזוי ווערן די תפלות שפּעטער נתקבל, ווי דער פסוק פירט אויס: "ואתה קדוש יושב תהלות ישראל".

פטרון השבוע

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י
ידידנו העומד לימיננו בכל עת לזכות את הרבים
לכבוד שמחת נישואי בת המגיד שיעור שליט"א
עב"ג החתן המופלג יוסף גרינבערגער נ"י
שיתקיים אי"ה ביום **כ"ב סיון הבעל"ט** בשעה טובה ומוצלחת

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול הבינני
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא
ביהמ"ד וויאל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב